# פראָטאָקאָל פון לאַנדווירטשאַפטליכער באַראַטונג דעם 16–טן און 17–טן מערץ 1924.

באַטייליקט זיך: מיטגלידער פון עקזעקוטיוו גאָרין. זילבערפאַרב און יאַשונסקי,

אַגראָנאָמישער פּערסאָנאַל זעמאַן, עפּשטיין, קאָראַן,

פאָרשטייער פון ווילנער קאָמיטעט וויקטאָראָוו.

טאָגעסאָרדנונג:

באַריכטן פון די ראַיאָנען
לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַציון
פּלאַן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט
אויפטאָנונג פון די אַלטע הלוואות
בריוו פון צ.פ. וועגן קאָנטאַקציע און לאַנדווירטשאַפט.סטאַטיסטיק
שול-גערטנערײַ.

1. באַריכטן.

<u>אַגר. קאָראַן</u> (ג ר אָ ד נ ע ר ר אַ י אָ ן). די אָרגאַניזאַציע פון קאָאָפּ. גייט פאָרויס. דער גראָדנער קאָאָפּעראַטיוו באַשטייט פון די אָרטיקע גערטנער און האָט אַ קאָנקרעטע אַרבעט – פאַרזאָרגן די מיטגלידער מיט קינסטליכע און נאַטירליכע באַמיס-טונג, מיט זריעות און דערגל. די צאָל מיטגלידער 35. זיי זײַנען פּאָראַינטערעסירט צו אָרגאַניזירן אין הערבסט דעם געמיינזאַמען פאַרקויף פון די פּראָדוקטן, נאָר עס איז אַ ספק, צו וועט דאָס געלינגען. אין די צוויי אַנדערע פונקטן, בריסק און גאַליציסקע (מיט איזראַילסקע) ווערט נאָך די זאַך אָרגאַניזירט. דאָ האָבן אַ גרויסן אינטערעס צו די קאָאָפּ. אַרויסגעוויזן די קרעפטיקערע לאַנדווירטן, וועלכע האָפן אַז דורכן קאָאָפּ. וועלן זיי באַקומען הלוואות, וואָס „אָרט" פלעגט זיי אָפּזאָגן דערין. אין די בײדע ערטער אינטערעסירט מען זיך דערהויפּט מיט וואָס וועט „אָרט" קומען צו הילף די קאָאָפּ. מען ערוואַרטעט קרעדיטן און מען פּראָעקטירט ניט קיין געמיינזאַמע אונטערנעמונגען. אין פּאַוולאָווע-קאָנסטאַנטינאָווע האָט זיך דער פּרוב מיט שאַפן אַ קאָאָפּ.. דערווייל ניט אײַנגעגעבן. סיי אין די אָנגערופענע פונקטן, סיי אין אַנדערע טערקט זיך אַ גוואַלדיקער אומצוטרוי פון די לאַנדווירטן איינע צו די אַנדערע, אויך שרעקט מען זיך פאַר די פאַראַנטוואָרטליכקייט, און עס פעלן מענטשן, אויף וועלכע דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל זיך קענען שטיצן. דער אומצוטרוי איינע צו די אַנדערע איז אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו אין גראָדנע האָבן די מיטגלידער געבעטן, אַז די פאַרטיילונג פון די קרעדיטן זאָל דורכפירן דער „אָרט" און ניט דער קאָאָפּעראַטיוו.

אין די ערטער, וואו עס זײַנען ניטאָ קיין קאָאָפּ. דאַרף מען ווייטער פירן די ביזהעריקע אַרבעט. דאַגעגן די ריין אַגראָנאָם. אַרבעט שטויסט זיך אָן אויף די גרעסטע שוועריקייטן מחמת דער קאָנסערוואַטיוויזם פון די לאַנדווירטן און דעם נידעריקן ניוואָ פון זייער ווירטשאַפט, ווי אויך איבער דעם, וואָס זיי פירן אַ אָרימען לעבן און האָבן קליינע באַדערפעניסן.

<u>אַגראָנאָם זעמאַן</u> (ווי ל נ ע ר ר אַ י אָ ן) עס זײַנען געגרינדעט קאָאָפּ. אין אָשמענע, און <u>איגנאַטיעווקע-סאָפּיעווקע</u>, אָבער די פאָרמאַליטעטן זײַנען נאָך ניט ערלעדיקט. אין קליין-סעליטש האָט זיך דערווייל דער פּרוב ניט אײַנגעגעבן. קיין געמיינזאַמע אונטערנעמונגען ווערן דערווייל אין די קאָאָפּ. ניט געפּלאַנעוועט. די שוועריקייטן פון דער אַקציע זײַנען די זעלביקע, וואָס אין גראָדנער ראַיאָן. און מיר וועלן מוזן אָנפירן מיט די קאָאָפּעראַציון.

<u>עפּשטיין</u> האַלט אַז די קאָאָפּ. וועלן האָבן ערפאָלג ערשט אין יענע פאַלן, ווען

זע וועלן זיין פארבונדן מיט געמיינזאמע אונטערנעמונגען.
נאך דעבאטן ווערט באשלאסן בנוגע די קאאפעראציון:
באפעסטיגן די עקזיסטענץ פון די שוין געגרינדעטע קאאפעראציון און נעמען אויף זיך די איניציאטיוו צו שאפן אומעטום בא די קאאפעראציון קאלעקטיווע אונטערנעמונגען אויף דעם געביט פון מילכווירטשאפט און אנדערע. גרינדען וויטערדיגע קאאפעראציון אויסשליסליך אין יענע ערטער, וואו עס וועט פון אנהויב אן זיין א מעגליכקייט פון א קאלעקטיווער אונטערנעמונג. ביים שאפן די קאלעקטיווע אונטערנעמונגען דארף „ארט" אין א ברייטער מאס קומען צו הילף די קאאפעראציון מיט אינסטרוקטארישער הילף און מיט די נויטיגע קרעדיטן.
אין די פונקטן, וואו עס זיינען פארטן די קאאפ., ווערן אינדיווידועלע הלואות ארויסגעגעבן דורך די קאאפעראציון, אבער די פארטיילונג פון די הלואות געהערט דעם „ארט", וועלכער נעמט אן אכט די פארשלאגן פון די קאאפעראציון.
פון די געלדער, וועלכע געפינען זיך אין רשות פון דער צענטראלע אויף לאנדווירטשאפט, ווערט אויף די קאאפעראציון און אויף הלואות דורך די קאאפ. אסיגנירט ניט מערער ווי א העלפט, די צווייטע העלפט ווערט באשטימט אויף אנדערע לאנדווירטשאפטליכע אקציעס.
פלאן פון דער ווייטערדיגער ארבעט עס ווערט באשלאסן:
ארבעטן לויט דעם פלאן, וועלכער איז אויסגעארבעט אויף דער פריערדיגער בעראטונג. בנוגע צו די סעדער-פלאנצונגען פארענדיגן די אקציע פון פארפלאנצען די איינגעקויפטע און באשטעלטע ביימער און דערויף זהך פארנעמען מערער מיט אויספאריכטן די אלטע ביימער, ווארום אין דעם סעזאן האט מען די דאזיגע ארבעט ניט גע ענט אויספירן צוליב די גרויסע פרעסט.

אויפמאנונג פון די אלטע הלואות. עס ווערט באשלאסן:
אנצונעמען ענערגישע שריט אום אויפצומאנען די הלואות, די יורידישע זייט דערפון קאנצענטרירן אין ווארשע, אויף הי ווייט דאס ערלויבט דער נוסח פון די התחייבותן.

בריוו פון צ.פ. וועגן קאמאסאציע. עס ווערט באשלאסן:
עס ווערט רעקאמענדירט דעם אגראנאמישן פערסאנאל צו פירן וועגן דעם שמועסן מיט די קאלאניסטן און אויפקלערן זיי וועגן דער נויטיגקייט און וויכטיגקייט פון דער זאך. אויך ווערט זיי רעקאמענדירט זיך צו באקענען מיט דער יורידישער זייט פון דער זאך.

בריוו פון צ.פ. וועגן לאנדוו. סטאטיסטיק. עס ווערט באשלאסן:
די בעראטונג אנערקענט די וויכטיגקייט פון אזא סטאטיסטיק, געפינט אבער ניט פאר מעגליך און פאסיג זיך צו פארנעמען דערמיט אין דעם איצטיגן מאמענט.

שול-גערטנעריי. עס ווערט באשלאסן:
צום קומענדיגן פרילינג סובסידירן די שול-ארגאניזאציעס אדער שולן, וועלכע וועלן נעמען אויף זיך די אויפגאבע צו ארגאניזירן שול-גערטנער און צו פירן זיי מיט זייערע אייגענע קרעפטן. די אנפירונג פון שול-גערטנער דארף „ארט" אויף זיך ניט נעמען.

באשלוסן לויטן באריכט פון וויקטאראוו ( ווילנער ראיאן )(אוי.געהערט דעם 17-טן ד.ט. מחמת דער ווילנער פארשטעהער האט ניט געקענט קומען דעם ערשטן טאג פון דער בעראטונג ).

באַריכט פון וויקסאָראָו: די פּראָבעס צו שאַפן קאַסע. אין ליבזשיק, דעק-
שנע און אַנד קאָלאָניעס האָבן זיך נים איינגעגעבן צוליב דעם קאָנסערוואַ-
טיזם פון די קאָלאָניסטן און דעם געוואַלטיגן אומצוטרוי אײנע צו די
אַנדערע. אין די שטעטלעך האָבן זיך די פּרוּוון בעסער איינגעגעבן, און עס
זיינען דורכגעפירט געוואָרן די הכנות צו שאַפן קאַסע. אין אָסטרין און
אין קאַרעליטש.אין די ביידע פונקטן האַנדלט זיך וועגן קאַסע., וועלכע
זאָלן זיך אָפּגעבן מיט קאָלעקטיווער פּראָדוקציע פון קעז. די לאָקאַל
באַדינגונגען זיינען גינסטיג פאַר אַזאַ פּראָדוקציע,און לויט די פאַרלוי-
פיקע אויסרעכענונגען קענען די מיטגלידער פון קאַסע. האָבן דערפון אַ
גרויסן פּראָפיט. עס פאָדערט זיך אָבער פאַר אַזאַ קאַסע.אַ גרויסער אומזאַץ-
קאַפּיטאַל איבער 1000 דאָלאַר.

סיי אין אָסטרין, סיי אין אַנדערע ערטער אינטערעסירן זיך די לאַנד-
ווירטן און די שטעטלשע אידן מיט דער אַסעקוראַציע פון לעבעדיגן אינ-
ווענטאַר, ווי אויך מיט וועטערינאַרער הילף, און מען דאַרף דאַרויף לעגן
אַכט.

מ וואָס שטאַרקער דער אַרבעט אין אַלגעמיינעם, האָבן די ביזהעריגע אופנים
אופנים פון אַרבעט געהאַט אַ גרויסן נוצן, אָבער ווייטער פירן די אַרבעט
פון פאַרטיילן הלוואות איז קוים צוועקמעסיג, און מען דאַרף זוכן ניע
מעטאָדן.עס וואָלט אפשר טעגלעך געווען צו שאַפן אַ מוסטער-ווירטשאַפט פאַר
די דערוואַקסענע קינדער פון די קאָלאָניסטן און אויסנוצן דערצו אַ
אָרענדירטן הויף. אין דער אומגעגנט פון ווילנע אין פאַראַן אַזאַ הויף,
וועלכן מען וואָלט געקענט נאַ אַ אידן אָפּדינגען אויף 2 יאָר און איינצואָרד-
נען דאָרטן אַ ווירטשאַפט פאַר אַ 20-25 יונגע לייט. דאָס איז אַ געדאַנק,
וועלכער דאַרף נאָך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּלאַן,אויב מען וועט אים גע-
פינען פאַר צוועקמעסיג.

עס ווערט באַשלאָסן:

דערווייל באַגנוגענען זיך מיט שאַפן אין ווילנער ראַיאָן 1 קאַסע. מיט אַ
קעז-פּראָדוקציע, ווייטער פירן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַציון.
באַאויפטראַגן דעם אַגראָנאָם זעטסאַן זיך צו באַקענען אין וואַרשע מיט די
מעגלעכקייטן פון אַסעקורירן לעבעדיקן אינווענטאַר אין מלוכהשע און פּרי-
וואַטע אינסטיטוציעס.

פאַראינטערעסירן זיך מיט דעם פּראָיעקט פון אַ מוסטער-ווירטשאַפט אין
אַ אָרענדירטן הויף און באַאויפטראַגן דעם אַגראָנאָמישן פּערסאָנאַל זיך צו
אינפאָרמירן נאַ די יונגע קאָלאָניסטן און נאַ זייערע עלטערן, צו וועלן
זיי גריים זיין אָנצוקומען אויף אַרבעט אין אַזאַ ווירטשאַפט.

פאַרשידענע. ועגדונג פון ראָווגער שפּיטאָל און אידישע גימנאַזיע וועגן
באַהילפיג זיין זיי אין פאַרפלאַנצן זייער געטיינזאַמען פּלאַץ. עס ווערט באַ-
שלאָסן: איינפלאַנצן אויף דעם פּלאַץ ביז 50 פרוכטבוימער אויף די אַלגע-
מיינע באַדינגונגען.

אָרט פון דער קומענדיגער באַראַטונג. באַשלאָסן, אַז עס איז געוואונטשן
אָפּצוהאַלטן די קומענדיגע באַראַטונג אין ווילנע.